| Beila Perlhefter, Introduction to *Sefer Be’er Sheva*, Ms Oxford Bodleian Opp 148 | *Glikl*, ed. Turniansky, 240, 242 | *Sēfer Šemûʿēl,* Augsburg 1544<br>https://mdz-nbn-resolving.de/urn:nbn:de:bvb:12--bsb10170884-2<br>Stanza numbering based on Frakes’ translation | II Samuel 12:15-24 |
| --- | --- | --- | --- |
| אונ ער טריסטט מיך מיין מאן אונ שפריכט: "לאש דיין יאמיר אונ קלאג איין מאל אויז זיין, מן מוז פֿר גוט אן נעמין וואש נון גאט דעם מענשין צו שיקט. אונ עש ווערט ניט פֿר גוט אן גנומין דאז פֿיל ווינין אונ קלאגין דז מן טוט וועגין דעם טויטין. מן קאן דיזוז אב לערנין פֿון דוד המלך ע"ה דא אים זיין ערשטר זון ווערכֿין ער פֿון בת שבע איבר קומן האט גשטארבין ווער. | איך אייער מוטיר האב בייא דען לעבין מן בעלי זצ"ל איין קינד פון ג' שני' לערך פאר לארין וועלכיש קיין דמיון גיהאט וויא איך שוין גישריבן, אונ' בין ניט זוא פאר שטענדיג גיוועזין אלז איך האב אן החסיד דוד המלך ע"ה גידאכט, דער זיין ערשטין זון עם בת שבע האט קראנק גיהאט,<br><br>ובתוך חולי גרוישן צער גיטריבן מיט תעניתם וצדקה ותפילה, אביר המקום ב"ה דאז קינד צו זיך גינומין.<br><br>וויא דאז קינד טויט איזט גיוועזין, האבין דאז מלך זייני קנעכט אליש שטיל גיוועזין אונ' אים סוד גיהאלטין דען זיא זאגיטין: 'דער מלך האט זוא גרושן צער גיטריבן דאר דאז קינד איזט קראנק גיוועזין אונ' איזט נאך האפינונג גיוועזין דאז עש מויכט נאך לעבין בלייבן, פאר שווייגין וואז ווערט דער מלך נון איצונדירט טון, ווען ער ווערט גיוואר ווערדין דאז דאש קינד טוט איזט אונ' ווייטיר קיין האפינונג צום לעבין איזט?' אלזו האט קייניר ניקש זאגין וואלין. | (1296) אלש נון נתן דער נביא בֿון דעם קוניג גינג /דש קינד וואלט שטערבן זיין קראנקהייט אן וינג /דא הט דער קוניג דוד יאמר גלייך גינוג /מיטביידן זיינן<br>הענדן ער זיך זעלברט שלוג:<br>(1297) גאר איניקליכֿן ער גו"ט יתֿברך באט דען הערן זיין / מיט ואשטן אונ' מיט ויינן אום דאש קינדליין /ער לאג אויף דער ערדן זעכֿש גאנצר טאג /זיין צונג אין זיינם מונד אים נוך ניא גילאג:<br>(1298) דיא תלמידי חכמים צו דעם קוניג קאמן /זיין גרושן יאמר אונ' זיין גיבעט זיא בֿור נאמן / זיא וואלטן אין בֿון דער ערדן אויף גהובן הון /בֿור יאמר אונ' בֿור טבלה וואלט ער ניט אויף שטון:<br>(1299) ער וואלט אויך ניט עשן בֿון אין קיינרלייא / הער גו"ט יתֿברך דורך דיין דר בארמונג קער דיך אן מיין גישרייא / אן דעם זיבנדן טאג דאש קינד וושליידר טוט / דא בֿורכטן זיך דיא זיינן דעש בויזן בוטן ברוט:<br>(1300) דש דא עש דעם קוניג ניט טורשטן זאגן /זיא בֿורכֿטן דער קוניג ווארד זיך בֿור לייד שלאגן /זיין קנעכֿט גימעליך רידטן ער בריבֿט אונ' ווער אים לייט / | וַיֵּלֶךְ נָתָן, אֶל-בֵּיתוֹ; וַיִּגֹּף יְהוָה, אֶת-הַיֶּלֶד אֲשֶׁר יָלְדָה אֵשֶׁת-אוּרִיָּה לְדָוִד--וַיֵּאָנַשׁ. **טז** וַיְבַקֵּשׁ דָּוִד אֶת-הָאֱלֹהִים, בְּעַד הַנָּעַר; וַיָּצָם דָּוִד צוֹם, וּבָא וְלָן וְשָׁכַב אָרְצָה. **יז** וַיָּקֻמוּ זִקְנֵי בֵיתוֹ, עָלָיו, לַהֲקִימוֹ, מִן-הָאָרֶץ; וְלֹא אָבָה, וְלֹא-בָרָא אִתָּם לָחֶם. **יח** וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיָּמָת הַיָּלֶד;<br><br>וִיִּרְאוּ עַבְדֵי דָוִד לְהַגִּיד לוֹ כִּי-מֵת הַיֶּלֶד, כִּי אָמְרוּ הִנֵּה בִהְיוֹת הַיֶּלֶד חַי דִּבַּרְנוּ אֵלָיו וְלֹא-שָׁמַע בְּקוֹלֵנוּ, וְאֵיךְ נֹאמַר אֵלָיו מֵת הַיֶּלֶד, וְעָשָׂה רָעָה. |

| | | | |
|---|---|---|---|
| **יט** וַיַּרְא דָּוִד, כִּי עֲבָדָיו מִתְלַחֲשִׁים, וַיָּבֶן דָּוִד,<br>כִּי מֵת הַיָּלֶד; וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל-עֲבָדָיו הֲמֵת<br>הַיֶּלֶד, וַיֹּאמְרוּ מֵת. **כ** וַיָּקָם דָּוִד מֵהָאָרֶץ<br>וַיִּרְחַץ וַיָּסֶךְ, וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָו, וַיָּבֹא בֵית-יְהוָה,<br>וַיִּשְׁתָּחוּ; וַיָּבֹא, אֶל-בֵּיתוֹ, וַיִּשְׁאַל, וַיָּשִׂימוּ לוֹ<br>לֶחֶם וַיֹּאכַל | אישט דש קינד גישטורבן זאגט מיר דיא<br>ווארהייט: (1301) זיא שפראכֿן עש אישט<br>ליידר טוט גו"ט יתֿברך מויש אוייש דר גיצן<br>/אויף שטונד ער בֿון דער ערדן זיין שטול ליש<br>ער אים דאר זעצן /ער בארט זיך אונ' זאלבט<br>זיך אונ' טעט אן גוט גיוואנט / צו שריין דער<br>הייליקייט ער זיך וואנט:<br>(1302) ער גינג ווידר היים אונ' היש אים געבן<br>צו עשן/ | אביר דער פרומי קיניג דוד האט אן אירן שטיל שווייגין פאר שטאנדין דאז דאז קינד טוט איזט. אלזו פראגיט ער אן זייני קנעכט אויב דאז קינד טוט איזט, זוא האט אים קייניר גיענטפירט. אלזו ער וואל פרשטאנדין דאז זיין ליב קינד טוט איזט. אלזו איזט ער אויף גישטאנדין אויז זיינר עש אונ' זיך לאזין וואשיר לנגין אונ' זייני קנעכט ביפולין זיא זולין אים עסין אונ' טרינקין געבין אונ' האט אך גיגעסין אונ' גיטרונקין. | זא גינג ער אין דאז באד אונ עסיט אונ טרינקט אונ ליסיט וואול זיין. אויב ער שוין צו פֿאר הער אין דער קינדש קרענק זער גטרויארט אונ גפֿאסט האט, אי דאך וואר ער לוסטיג נאך דעם קינדש טויט. |
| **כא** וַיֹּאמְרוּ עֲבָדָיו אֵלָיו, מָה-הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר<br>עָשִׂיתָה; בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי, צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ, וְכַאֲשֶׁר<br>מֵת הַיֶּלֶד, קַמְתָּ וַתֹּאכַל<br>לָחֶם. **כב** וַיֹּאמֶר--בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי, צַמְתִּי<br>וָאֶבְכֶּה: כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ, יחנני וְחַנַּנִי יְהוָה<br>וְחַי הַיָּלֶד. **כג** וְעַתָּה מֵת, לָמָּה זֶּה אֲנִי<br>צָם--הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ, עוֹד: אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו,<br>וְהוּא לֹא-יָשׁוּב אֵלָי | דש וואונדרט אל דיא זיינן דש וואונדר וואלט<br>זיא ורעשן /זיא שפראכֿן הער זאגט אונש און<br>אלן האש /<br>איר הט בֿור זער גיטרויארט אונ' ווארום טוט<br>איר דש:<br>(1303) קיין מענש בֿון קיינם קוניג זולכֿן<br>יאמר הוט גיזעהן /אלש בייא דעש קינדש<br>לעבן בֿון אוייך אישט גישעהן /זוא עש אישט<br>גישטורבן זוא טרויארט איר ניט מער /דיא<br>ווארהייט ווישטן מיר גערן אידלר קוניג הער:<br>(1304) ער שפראך דא דאש קינד נוך ואר<br>בייא לעבן / דא באט איך גו"ט יתֿ ער זולט<br>אים גיזונטהייט געבן / אוב דער קוניג אל דער<br>וועלט זיין דר בארמונג גידעכט / אונ' וואלט<br>האבן דר בארמט דוד זיינן קנעכט:<br>(1305) נון אישט עש ליידר טוט קיין יאמר<br>איך ביגער/ ווען איך שון טרויאר איך ברענג<br>עש ניט ווידר הער / איך קן עז ניט ווידר<br>ברענגן אל הער אויף דיזן פלון / איך מוש אין<br>יענר וועלט זעלברט צו אים גון: | אלזו האט זאלכיש זייני קנעכט גאר זער פאר וואונדירט. ענטליך האט זיך אייניר דאז הערטץ גינומין אונ' גיזאגט: 'אדוני מלך, דאר דאז קינד נאך גילעבט האט זוא האשטו זולכין צער גיטריבן, ניקש גיגעסין אונ' ניקש גיטרונקין, בישט טאג אונ' נאכט אין דער אשין גיזעסין, אביר זוא בלדי דוא גיהערט האשט דאז דיין זון גישטארבן איזט, האשטו גיזאגט אונ' מצדיק דין גיוועזין וויא אך רעכט איזט, אונ' גיזאגט ברוך דיין אמת, ה' נתן וה' לקח, יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם, אונ' בישטו תיכף דער נאך אויף גישטאנדין אונ' דיר לאזין עסין אונ' טרינקן געבין אליז ווען דאז קינד נאך לעבטי.' זוא זאגט דער מלך צו אינין: 'איך וויל אייך, מיין גיטרייאי דינר, זאגין. דאר דאש קינד איזט נאך קראנק גילעגין אונ' דיא נשמה נאך אין זיך גיהאט, האב איך אליש גיטאן: גיהיילט, גישריאין אונ' תשובה תפילה צדקה גיטאן אונ' גידאכט אולי ירחם ווערט הש"י זיין רפואה שיקן. אביר נון דאז אליז ניקש האט העלפין וואלין אונ' המקום ב"ה זיין פקדון האט ווידר צו זיך גינומין, וואש העלפיט אל דאז שרייאין אונ' וויינין? מיין זון קומט נון ניט ווידר צו אונש, מיר מוזין זו אים.' | דען ער זאגיט: ווייל דאש קינד קראנק וואר דא בעטיט איך דער צו גאט דז ער דאש קינד זאלט ווידר גזונד מאכֿין, נון אבר איז דאש קינד גשטארבין זא איז ניט בילך דז מן מער טרויארין זאל אום אים, דען איך קאן עש יוא ניט ווידר לעבינדיג מאכֿין, אונ דאש וויינין אונ שרייאין ווירט פֿר שטאנדין דז וואן גאט אים העט איין אום רעכֿטש משפט גטאן, אונ אלי מענשין מוזין יוא ענטליך שטירבן, זא מוז איך אויך צו אים קומן אויף עולם הבא. זא קאן איך מיך דארטין מיט אים משמח זיין. |
| **כד** וַיְנַחֵם דָּוִד, אֵת בַּת-שֶׁבַע אִשְׁתּוֹ, וַיָּבֹא<br>אֵלֶיהָ, וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ; וַתֵּלֶד בֵּן,<br>ויקרא וַתִּקְרָא אֶת-שְׁמוֹ שְׁלֹמֹה, | (1306) דער קוניג טרוישטט בתֿ שבֿע זיא<br>ליש זיך טרוישטן נון /זיא גיוואן דעם קוניג | אלזו זעכט וויא זיך דער פרומי דוד ע"ה האט נוהג גיוועזין. דאר פון זאלין | אלזו קאנשט דוא שוין גוט זאלכֿיש אב לערנין פֿון דוד המלך, דז מן ניט זא טרויארין זאל נאך דיא פֿר שטארביני מענשיר. אונ ווארום ווילשט דוא דען דיא זאכֿין בעשר פר שטין אלש זיא דער קיניג דוד פֿר שטנדין האט, דז דער רוח הקדש |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | דוד איינן אנדרן זון /דאש קינט ווארט גיבורן אונ' ווארד שלמה גינאנט / אונטר אל דער זונן ווארד ער וואל ביקאנט:<br>. | מיר לערנין אונ' אליש דען ליבן גאט אהיי' שטעלין. | אויף אים האט גרויאט? דרום לאז דיין טרויארהייט איין ענד נעמין אונ זייא גטריסט. |